# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ואתחנן, שבת נחמו, ט"ז אב, שנת תשע"ח לפ"ק, אבות פרק ג׳

שנה 7, גליון 44 (355)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:59
מוצאי שב"ק......................9:28

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................יהושע ט"ו-ט"ז
בבלי.........................זבחים ק"ו
ירושלמי.........................נדה ז׳
תוספתא.....בבא בתרא פרק ח׳
רמב"ם.....................שחיטה י׳

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לֹא תוֹסִיפוּ עַל הַדָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם וְלֹא תִגְרְעוּ מִמֶּנּוּ, לִשְׁמוֹר אֶת מִצְוֹת ה׳ אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם.** לְכְאוֹרָה זָאגְט דֶער פָּסוּק אִיבֶּער דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ עֶטְלִיכֶע מָאל, עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט שְׁטֵיין בְּלוֹיז "**לֹא תוֹסִיפוּ עַל הַדָּבָר וְלֹא תִגְרְעוּ מִמֶּנּוּ לִשְׁמוֹר אֶת מִצְוֹת ה׳ אֱלֹקֵיכֶם**", דִי וֶוערְטֶער "**אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם**" זֶעט אוֹיס וִוי עֶס אִיז אִיבְּרִיג.

מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס"א) אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים יז) **לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל**, אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, עֶר גֵייט צוּ אַ צַדִיק אוּן עֶר פָאלְגְט וָואס דֶער צַדִיק זָאגְט, דוּרְךְ דֶעם גֵייט עֶר שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע מִיטְל-וֶועג, אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט צוּ רֶעכְטְס אָדֶער צוּ לִינְקְס.

דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (הֲלָכוֹת דֵעוֹת פֶּרֶק א׳ הֲלָכָה ד׳) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אֵייבִּיג גֵיין אוֹיפְ׳ן מִיטְל וֶועג, מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין אוֹיף אַן עֶקְסְטְרֶעמֶע וֶועג נִישְׁט צוּ גוּט אוּן נִישְׁט צוּ שְׁלֶעכְט.

פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאס אָבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ מְקַיֵּים זַיין, צוּ גֵיין שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי מִיטְל וֶועג. אָדֶער בְּרֶענְט עֶר גָאר שְׁטַארְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וַוייט אַז עֶס גֵייט אוֹיף אֵיין עֶקְסְטְרֶעם, עֶר וִויל אָפְּלָאזְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם, נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גוּט, וַוייל דָאס קֶען נִישְׁט אָנְהַאלְטְן. אָדֶער ווִיל עֶר גֵיין אוֹיף דִי פּוּנְקְט פַארְקֶערְטֶע וֶועג, עֶר אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְיָיאֵשׁ אַז עֶר וֶועט נָאךְ אַמָאל קֶענֶען זַיין ווָאוִיל, אוּן עֶר הֶערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיף צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן בֵּיידֶע פוּן דִי וֶועגְן זֶענֶען נִישְׁט גוּט.

דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק אוּן פָאלְגְן וָואס עֶר זָאגְט, וַוייל דֶער צַדִיק קֶען גֶעבְּן פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ פִירְן, וִוי אַזוֹי עֶר זָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר אִיז מְחַזֵּק דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר נִישְׁט נָאכְלָאזְן אוּן זִיךְ מְיָיאֵשׁ זַיין, אוּן עֶר פִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן וֶועג אַז עֶר זָאל נִישְׁט בְּרֶענֶען מֶער ווִיפִיל מֶען דַארְף.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אָן פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **לֹא תוֹסִיפוּ עַל הַדָּבָר וְלֹא תִגְרְעוּ מִמֶּנּוּ**, לֵייגְט נִישְׁט צוּ צוּ דִי מִצְוֹת אוּן נֶעמְט נִישְׁט אַרָאפּ. נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט בְּרֶענֶען צוּ שְׁטַארְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּלֵייגְן צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט אִינְגַאנְצְן נָאכְלָאזְן אוּן אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן דִי תּוֹרָה. דוּ דַארְפְסְט גֵיין נָאר אוֹיפְן מִיטְל וֶועג, אוּן טוּן נָאר וָואס דִי תּוֹרָה הֵייסְט. אוֹיף דֶעם הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט צְוֵויי מָאל "**אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם**", צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶעם צוּ קֶענֶען גֵיין אוֹיפְ׳ן מִיטְל וֶועג, צוּ דֶעם דַארְפְט אִיר אוֹיסְהֶערְן דָאס וָואס אִיךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דֶער צַדִיק זָאגְט, וַוייל נָאר אַ צַדִיק קֶען פִירְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

(זֹאת הַתּוֹרָה וָאֶתְחַנַּן ד׳)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## אָן קַיין גֶעפִיל

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן צ"ט) אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי וֶוען עֶר הָאט אַ גֶעפִיל דֶערִין, אוּן סַיי וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל, אֲפִילוּ וֶוען עֶר קֶען נָאר רֶעדְן קַאלְטֶערְהֵייט. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אָן אַ גֶעפִיל, וֶועט זִיךְ סוֹף כָּל סוֹף עֶפֶענֶען זַיין הַארְץ אוּן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר אוֹטָאמַאטִישׁ אוֹיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אָן קַיין גֶעפִיל.

דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (דְבָרִים ג, כג) "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה׳ בָּעֵת הַהוּא לֵאמֹר", טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי, "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה׳" - אַ אִיד זָאל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי עֶר הָאט אַ גֶעפִיל אוּן סַיי וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט. וַוייל "בָּעֵת הַהוּא לֵאמֹר" - עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל אוּן דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן זִיךְ זָאגְן פוּן זַיין מוֹיל וִוי גֶעשְׁמִירְט, אוּן דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָדֶער בַּיים טוּן מִצְוֹת. אַ אִיד דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אֲפִילוּ וֶוען עֶר טוּט דָאס נָאר קַאלְטֶערְהֵייט אָן קַיין שׁוּם גֶעפִיל אוּן אָן קַיין פַארְשְׁטַאנְד, אֲפִילוּ וֶוען דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת זֶעעֶן אוֹיס הַאלְבּ-גֶעבַּאקְן, עֶס הָאט

<<<<<<

# א גוט ווארט

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה כ:): "אָמְרוּ עָלָיו עַל מַלְאַךְ הַמָּוֶת, שֶׁכֻּלּוֹ מָלֵא עֵינַיִם", דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אוֹיגְן, וֶוען עֶר קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן אַזוֹי נֶעמְט עֶר אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דֶער וֶועלְט.

וָואס זֶענֶען דִי אַלֶע אוֹיגְן וָואס דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת הָאט אוֹיף זִיךְ? בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּשֵׁם זַיין רֶבִּי׳ן, דֶער גָאוֹן וְקָדוֹשׁ ר׳ נָתָן אַדְלֶער זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה זָאגְט (חֲתַם סוֹפֵר בְּרֵאשִׁית, הַקְדָּמָה) אַז דָאס זֶענֶען אַלֶע הִסְתַּכְּלוּת אֲסוּרוֹת, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע קוּקְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעקוּקְט, דִי אַלֶע אוֹיגְן נֶעמְט דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת אוּן עֶר קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הַרְגִ׳ט אִים, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא זַאךְ וָואס זָאל הַרְגִ׳נֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט עֶר וָואס מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס: "וִישֵׁיזְבִינָנָא מֵעֵינָא בִּישָׁא וּמֵחַרְבָּא דְמַלְאַךְ הַמָּוֶת וּמִדִינָהּ שֶׁל גֵיהִנֹּם", אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין עֵינָא בִּישָׁא, מִיר וֶועלְן הִיטְן דִי אוֹיגְן וֶועלְן מִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם שְׁוֶוערְד פוּנֶעם מַלְאָךְ הַמָּוֶת אוּן מִיר וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן אָנְקוּמֶען אִין גֵיהִנּוֹם; זֶעט מֶען אַז אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי אוֹיגְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ׳ וָאֶתְחַנָּן תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## אִיז כְּדַאי צוּ
## דֶערְצֵיילְן דִי אֵייגֶענֶע שְׁוַואכְקֵייטְן פַאר דִי וַוייבּ?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

וִוי אָפְן מֶעג מֶען זַיין מִיט דִי וַוייבּ? מֶעג מֶען הָאבְּן פוּן צַייט צוּ צַייט אַזֶעלְכֶע סָארְט אָפֶענֶע שְׁמוּעֶסְן, דֶערְצֵיילְן אֵיינֶער פַארְ'ן צְוֵוייטְן אֵייגֶענֶע חֶסְרוֹנוֹת, שְׁוַואכְקֵייטְן אִין אִידִישְׁקֵייט, אוּן מְ'זָאל אָפְּמַאכְן פַאר דִי שְׁמוּעֶס, אַז מְ'גֵייט אַרוֹיסְלֵייגְן אַלֶעס וָואס מְ'טְרַאכְט, אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט אַרָאפְּקוּקְן דֶעם צְוֵוייטְן צוּלִיבּ דֶעם שְׁמוּעֶס?

אִיךְ מֵיין אַז דָאס קֶען בְּרֶענְגֶען אַ מוֹרָא'דִיגֶע נָאנְטְשַׁאפְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, סְ'וֶועט בְּרֶענְגֶען אַ בַּאקְוֶועמֶע אָפֶענֶע קֶשֶׁר עַד הַסוֹף. אִיז דָאס אוֹיסְגֶעהַאלְטְן?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, חַיִים**

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"א תַּמוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד חַיִים נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר אַ צְוֵוייטְן עֲבֵירוֹת – "שְׁוַואכְקֵייטְן אִין אִידִישְׁקֵייט" וִוי דוּ רוּפְסְט עֶס, אוּן זִיכֶער נִישְׁט פַאר דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ. עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז מֶען וֶועט וֶוערְן בַּאקְוֶועם אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן דוּרְכְדֶעם, אָבֶער בֶּאֱמֶת וֶועט דָאס נָאר עֶרְגֶער מַאכְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת א, ה): "אַל תַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה", מֶען זָאל נִישְׁט פַארְמֶערְן צוּ רֶעדְן מִיט דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ; שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא, מִיט וֶועם דֶען זָאל מֶען רֶעדְן אַז נִישְׁט מִיט דִי וַוייבּ? זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ (עַיֵּין בַּרְטְנוּרָא שָׁם), אַז דִי פְּשַׁט אִיז מֶען זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר דִי וַוייבּ קַיין שְׁוַואכְקֵייטְן אוּן קַיין שׁוּם נֶעגַאטִיוֶוע זַאכְן פוּן זִיךְ, וַוייל וֶוען דִי וַוייבּ הֶערְט אַז דֶער מַאן אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר אִין אִידִישְׁקֵייט, אָדֶער זִי הֶערְט סְתָּם זַיינֶע שְׁוַואכְקֵייטְן, הֵייבְּט זִי אָן מְזַלְזֵל זַיין אִין אִים אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם מַחְלוֹקֶת.

מִיט דִי וַוייבּ דַארְף מֶען רֶעדְן נָאר גוּטֶע וֶוערְטֶער; אִיר מְחַזֵק זַיין אוּן אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן. דֶערְצֵיילְן פוּן זִיךְ פָּאזִיטִיוֶוע זַאכְן וִוי מֶען אִיז מַצְלִיחַ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, גוּטֶע וֶוערְטֶער וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף דִיר וְכַדוֹמֶה, אַזוֹי וֶועט זִי דִיר אוֹיךְ אַרוֹיף קוּקְן. חַס וְשָׁלוֹם צוּ דֶערְצֵיילְן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט אוּן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, וַוייל דָאס וֶועט נָאר בְּרֶענְגֶען פְּרָאבְּלֶעמֶען.

אַלֶע דַיינֶע שְׁוַואכְקֵייטְן וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאר מֶענְטְשְׁן טָאר מֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן עֲבֵירוֹת – "שְׁוַואכְקֵייטְן אִין אִידִישְׁקֵייט" וִוי דוּ רוּפְסְט עֶס, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:): "חָצִיף עָלַי מַאן דִמְפָרֵשׁ חֶטְאֵיהּ", מֶען טָאר נִישְׁט דֶערְצֵיילְן עֲבֵירוֹת פַאר אַ צְוֵוייטְן, נָאר טוּן אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לב, א): "אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע, כְּסוּי חֲטָאָה", ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דֶעקְט צוּ זַיינֶע עֲבֵירוֹת; אָבֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה צוּ פַארְצֵיילְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן - בְּמַחְשָׁבָה, דִיבּוּר וּמַעֲשֶׂה, אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם פַּסְקְ'נְט (פֶּרֶק א מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א): אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען זָאל מֶען זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין פַארְן
<<<<<<

>>>>>>
נִישְׁט קַיין טַעַם אוּן קַיין גֶעשְׁמַאק, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּן פַאר אִים.

וֶוען אַ אִיד דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גֶעפִיל, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאק אִין זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין דִי מִצְוֹת וָואס עֶר אִיז מְקַיֵים, אִיז דָאס נָאךְ אַסַאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל עֶס קוּמְט אִים אָן אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער דָאס צוּ טוּן וִוי פַאר אֵיינֶעם וָואס שְׁפִּירְט יָא אַ גֶעשְׁמַאק דֶערִין. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאס נָאךְ מֶער חָשׁוּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פוּן דֶעם. אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַז דֶער אִיד שְׁטְרֶענְג זִיךְ אָן אוּן דִינְט אִים וִויפִיל עֶר קֶען, וֶועט עֶר אִים זִיכֶער צוּם סוֹף הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל יָא בַּאקוּמֶען דֶעם גוּטְן טַעַם אוּן קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁלֵימוּת מִיט אַ חִיוּת אוּן גֶעשְׁמַאק.

חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָה ו':) "אִם יֹאמַר לְךָ אָדָם יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי, תַּאֲמִין - אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט דִיר אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַאן זָאלְסְטוּ אִים גְלֵייבְּן". שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא, אוֹיבּ הָאט יֶענֶער טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַארְף מֶען נִישְׁט בְּלוֹיז גְלֵייבְּן, מֶען קֶען דָאךְ זֶען מִיט דִי אוֹיגְן אַז עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. גְלֵייבְּן דַארְף מֶען נָאר אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט זֶען מִיט דִי אוֹיגְן.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּירוֹת הֲלָכָה ה') אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחְנִיוּת, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָארְט דַארְף מֶען יָא גְלֵייבְּן, נִישְׁט אֵייבִּיג זֶעט מֶען מִיט דִי פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן דִי הַצְלָחָה, אַמָאל אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס פְּלָאגְט זִיךְ אוּן מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין. דַארְף מֶען אָבֶער גְלֵייבְּן אַז עֶר הָאט זִיכֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וַוייל דָאס אַלֵיין אַז עֶר פְּלָאגְט זִיךְ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז זַיין גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, וֵוייסְט עֶר אַז יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה, אֲפִילוּ נָאר אַ גוּטֶע מַחְשָׁבָה, אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וִויל זַיין ווארויל, וֶוערְט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, יֶעדֶע זַאךְ וֶוערְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, אוּן אַזוֹי זַאמְלְט זִיךְ אָן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט הָאבְּן דִי סַבְלָנוּת אוּן אוֹיסְוַוארְטְן, וֶועט עֶר צוּם סוֹף אוֹיךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען זַיין הַצְלָחָה מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן אָפֶענֶערְהֵייט.

### מֶען לֵייגְט צוּ נָאר אֵיין "אֵיינְסֶער"

אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ הרה"ק רֶבִּי דָוִד מֹשֶׁה מִטְשׁוּרְטְקוֹב זי"ע אוּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז לֶעצְטֶנְס הָאט זַיין שְׁוֶוער אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען, עֶר גֵייט מֶער נִישְׁט אִין שׁוּל אוּן עֶר דַאוֶוענְט מֶער נִישְׁט. אוּן אַזוֹי וִוי דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעוואוּסְט אַז זַיין שְׁוֶוער גֵייט אַסַאךְ צוּ דֶעם צַדִיק, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם צַדִיק אוֹיבּ עֶר קֶען רֶעדְן מִיט זַיין שְׁוֶוער, אוּן זֶען אַז עֶר זָאל זִיךְ פַארֶעכְטְן אוּן צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן צוּ דַאוֶוענֶען.

דֶער צַדִיק הָאט גֶעלָאזְט רוּפְן דֶעם שְׁוֶוער, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען. הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אֱמֶת, אוּן דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז וֶוען עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶוענֶען קוּמֶען אִים אַרַיין אִין קָאפּ אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אוּן וִויפִיל עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ אָפְּצוּשָׁאקְלֶען דֶערְפוּן אִיז עֶס אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶר קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען בִּכְלַל אוּן פָּטוּר אַן עֵסֶק. אַנְשְׁטָאט צוּ הָאבְּן אַזַא צוּהַאקְטֶע אוּן נַארִישֶׁע דַאוֶוענֶען מִיט יֶענְץ פָּנִים, וֶועט עֶר עֶנְדֶערְשׁ אָפְּלָאזְן דֶעם גַאנְצְן דַאוֶוענֶען.

דֶער צַדִיק הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אִים אוֹיפְגֶעקְלֶערְט אַז עֶר טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג "אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט דַאוֶוענֶען וֶועט זִיכֶער גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן דַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, אוֹיבּ אָבֶער דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס זֶעט אוֹיס, וֶועלְן אָבֶער מִיט דִי צַייט זִיךְ צַאמְקוּמֶען דִי אַלֶע יְגִיעוֹת וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט צוּ דַאוֶוענֶען, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אַז דַיין דַאוֶוענֶען וֶועט יָא הָאבְּן אַ שֵׁיינֶעם פָּנִים".

אוּן עֶר הָאט דָאס אִים שֵׁיין אַרַיין גֶעטַייטְשְׁט אִין פָּסוּק. דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים פז, ו) "ה' יִסְפֹּר בִּכְתוֹב עַמִּים", הָאט דֶער צַדִיק גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי פֶעלְקֶער שְׁרַייבְּן". וֶוען דִי אִידְן שְׁרַייבְּן נוּמֶערְן שְׁרַייבְּט מֶען "אֵיינְס", "צֶען" "הוּנְדֶערְט" א.א.וו. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, שְׁרַייבְּט מֶען אוֹיךְ דִי נוּמֶערְן מִיט וֶוערְטֶער, "אֶחָד", "עֲשָׂרָה", "מֵאָה" א.א.וו. ווידֶער בַּיי דִי גוֹיִם הָאבְּן זֵיי דִי נוּמֶערְן וָואס זֵיי שְׁרַייבְּן צ.ב.ש. "1", "10", "100". אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט דִי נוּמֶערְן לוֹיט וִוי דִי גוֹיִם צֵיילְן עֶס.

אוּן דֶער צַדִיק הָאט אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען: וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט אַזַא צוּהַאקְטֶע דַאוֶוענֶען, וִויפִיל דוּ פְּרוּבִּירְסְט זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, גֵייט עֶס נִישְׁט. דוּ פִילְסְט מַמָשׁ אַז דִי גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען אִיז נָאר אַ "זִירָאוּ", עֶס אִיז מַמָשׁ גָארְנִישְׁט וֶוערְד. אָבֶער אַ "זִירָאוּ" אִיז דָאךְ עֶס יָא. אוּן אַזוֹי קְלוֹיבְּט זִיךְ צוּזַאם אַסַאךְ "זִירָאוּ'ס" בִּיז עֶס קוּמְט אֵיין טָאג אוּן דָאס הַארְץ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן לֵייגְט מֶען צוּ נָאר אֵיין "אֵיינְסֶער", מֶען לֵייגְט צוּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דֶער אֶחָד יָחִיד וּמְיוּחָד, אוּן וֶוען מֶען לֵייגְט צוּ אַן "אֵיינְסֶער" צוּ זֶעקְס "זִירָאוּ'ס" הָאסְטוּ שׁוֹין אַ מִילְיָאן! אוּן וִוי מֶער "זִירָאוּ'ס" מֶען לֵייגְט צוּ, יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּן אַ גוּטֶע זַאךְ, אֲפִילוּ וֶוען עֶס נִישְׁט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נָאר אַ "זִירָאוּ", אוֹיבּ אִיז אָבֶער דֶער "אֵיינְסֶער" אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט, אוֹיבּ הָאט מֶען דֶעם אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט זִיךְ, דַאן וִוי מֶער "זִירָאוּ'ס" מֶען לֵייגְט צוּ, אַלְס גְרֶעסֶער וֶוערְן דִי נוּמֶערְן.

מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט אִים דֶער צַדִיק זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, אַז אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין אִידִישְׁקֵייט, זָאל עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טוּן וָואס אוּן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען נָאר, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

ווארויל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן עֶר פְּלָאגְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט דֶעם גֶעשְׁמַאק, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער נַחַת רוּחַ פוּן אִים, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרַא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֵרֶךְ יְגִיעוֹת)

# אַ גֶעשְׁמַאקֶע פְרֵיילִיכֶע הוֹיז

חַזַ"ל זָאגְן (סִפְרִי פַּרְשַׁת נָשֹׂא) אוֹיף דִי בְּרָכָה מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּענְטְשְׁט דִי אִידְן "יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ יָאֵר ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ וִיחֻנֶּךָּ יִשָּׂא ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ וְיָשֵׂם לְךָ שָׁלוֹם", זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל: "וֶוען וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען דִי אַלֶע בְּרָכוֹת? וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן שָׁלוֹם אִין דַיין שְׁטוּבּ!" וֶוען עֶס הֶערְשְׁט שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה אִין אַ אִידִישֶׁע הוֹיז, דַאן בְּרֶענְגְט דָאס אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן הַשְׁפָּעוֹת אִין שְׁטוּבּ. אוּן פַאר דֶעם אַלֵיין לוֹינְט זִיךְ שׁוֹין צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע מִידוֹת, צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נ"ט) "אוֹקִירוּ לִנְשַׁייכוּ כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְּרוּ" – זַייט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע וַוייבֶּער אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט אִיר רַייךְ וֶוערְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ט) אַז דִי גַאנְצֶע עַשִׁירוּת פוּן אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן זַיין וַוייבּ.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד) אַז מֶען זָאל זֶען אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין אוּן שֶׁעצְן דִי וַוייבּ. דִי פְרוֹיעֶן הָאבְּן זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, זֵיי מוּטְשֶׁען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיטְ'ן הָאבְּן קִינְדֶער אוּן אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער, צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי הוֹיז אוּן דִי קִינְדֶער, אוּן דָאס קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אִיר אַ שְׁטַארְקֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע, אוּן דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מַאן אִיז אִיר צוּ מְכַבֵּד זַיין אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן, צוּ זוּכְן נָאר דָאס גוּטְס אִין אִיר, אוּן אַזוֹי אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אִיר מוּט, אוּן דַאן וֶועט זַיין אַ הֶערְלִיכֶע שָׁלוֹם בַּיִת אִין שְׁטוּבּ.

אַ פְרוֹי דַארְף גֶעוֶוענְלִיךְ הָאבְּן מֶער חִיזוּק פוּן אַ מַאן. אוֹיף אַ פְרוֹי גֵייט אַרִיבֶּער פִיל שְׁוֶוערִיקַייטְן וָואס מֶענֶער גֵייעֶן נִישְׁט דוּרְךְ, אוּן זִי הָאט נִישְׁט צוּ וֶועמֶען זִיךְ צוּ וֶוענְדְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ נָאר צוּ אִיר מַאן. אוּן דֶער מַאן דַארְף הָאבְּן שֵׂכֶל אִיר צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן מְחַזֵּק זַיין אוּן דָאס וֶועט הֶעלְפְן סַיי פַאר אִיר אוּן סַיי פַאר אִים. וַוייל וֶוען דִי פְרוֹי אִיז דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט, דַאן קֶען זִי זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, מִיט דִי שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט אוּן מִיט סַיי וָואס. אוּן צוּם סוֹף קוּמְט אוֹיס אַז דֶער מַאן אַלֵיין אִיז דֶער וָואס לַיידְט דֶערְפוּן. אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מַאן אִיז אִיר מְחַזֵּק, עֶר שְׁטַארְקְט אִיר שְׁטֶענְדִיג, עֶר גֶעבְּט אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן הוֹיבְּט אוֹיף אִיר מוּט, אַזוֹי וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו'.) "אִשָּׁה, בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ" – דֶער מַאן אִיז דֶער וָואס דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין וַוייבּ, דַאן בַּאקוּמְט זִי דִי כּוֹחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, אוּן אֵיינְמָאל זִי אִיז אִין אַ פְרֵיילִיכֶע גִיסְטֶע, דַאן וֶועט דֶער מַאן אוֹיךְ גָאר אַסַאךְ פַּארְדִינֶען דֶערְפוּן.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין מִשְׁלֵי (כז, יט) "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם". דֶער טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז וֶוען מֶען לֵייגְט אַרוֹיף אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, מֶען וַוייזְט פַאר יֶענֶעם אַ פְרֵיילִיכְן שְׁמֵייכְל, דַאן וֶועט יֶענֶער צוּרִיק שְׁמֵייכְלֶען. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז פַארְקֶערְט, וֶוען מֶען וַוייזְט יֶענֶעם אַ בְּרוֹגֶז'דִיג פָּנִים, דַאן וֶועט יֶענֶער צוּרִיק וַוייזְן אַ רוֹגֶז. דָאס אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשְׁן אַזוֹי, אָבֶּער סְפֶּעצִיעֶל זֶעט זִיךְ דָאס אָן בַּיי אַ מַאן אוּן וַוייבּ. וֶוען דֶער מַאן וַוייזְט אַרוֹיס אַ שְׁמֵייכְל פַאר זַיין וַוייבּ, עֶר וַוייזְט אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט אִיר אוּן פִילְט מִיט אִיר, דַאן וֶועט דָאס אוֹיךְ גֵיין אַזוֹי אוֹיף צוּרִיק, דִי וַוייבּ וֶועט אוֹיךְ שְׁמֵייכְלֶען צוּ אִים אוּן אִים לִיבּ הָאבְּן.

אֲפִילוּ וֶוען דֶער מַאן הָאט גֶענוּג צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקַייטְן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ, דַארְף עֶר זִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְקְן דָאס נִישְׁט אַרוֹיסְצוּוַוייזְן אוֹיפְ'ן פָּנִים, נִישְׁט אוֹיסְצוּגִיסְן דִי צָרוֹת אוּן כַּעַס אוֹיף זַיין וַוייבּ. עֶר זָאל נָאר אַרוֹיפְצִיעֶן אַ שְׁמֵייכְל אוֹיף זַיין פָּנִים אוּן אוֹיסְהֶערְן זַיין וַוייבּ מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט, אוּן פְּרוּבִּירְן אִיר צוּ בַּארוּאִיגְן אוּן דֶערפְרֵייעֶן, אוּן דַאן וֶועט עֶר צוּרִיק בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם טָאפְּלְט. אֵיינְמָאל זַיין וַוייבּ וֶועט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, וֶועט זִי אִים אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן. אוּן וֶוען דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, דַאן זֶענֶען דִי קִינְדֶער אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ. דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוערְט אַ גֶעשְׁמַאקֶע פְרֵיילִיכֶע הוֹיז, אוּן עֶס הֶערְשְׁט שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ.

קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען קְרִיטִיקִירְט אִים, וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אוּן עֶר קֶען נִישְׁט, פַארְוָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אַזוֹי צִי אַזוֹי, פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען דָא אָדֶער דָארְט.

דָאס אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַזוֹי, אָבֶּער נָאךְ מֶער אִיז דָאס אַזוֹי בַּיי אַ פְרוֹי. אַ וַוייבּ הָאט זֵייעֶר נִישְׁט לִיבּ וֶוען דֶער מַאן קְרִיטִיקִירְט אִיר, וֶוען עֶר זָאגְט אִיר מוּסָר. אוּן וֶוען דֶער מַאן בַּאנַארִישְׁט זִיךְ אוּן עֶר הַאלְט אִין אֵיין אַרַיינְזָאגְן אוּן קְרִיטִיקִירְן זַיין וַוייבּ, עֶר אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט אִירֶע פֶעלֶערְן אוּן דוּרְכְפֶעלֶער, דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי קְרִיגֶערַייעֶן אִין שְׁטוּבּ. פוּן דֶעם הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַלֶע שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען, בִּיז עֶס צוּפְלַאקֶערְט זִיךְ אַ גְרוֹיסֶע מַחֲלוֹקֶת חַס וְשָׁלוֹם.

אַ מַאן וָואס הָאט דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ וֶועט טוּן פּוּנְקְט דָאס פַארְקֶערְטֶע, עֶר וֶועט נָאר מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן זַיין וַוייבּ אַלֶעמָאל. אֲפִילוּ וֶוען זִי הָאט גֶעמַאכְט אַ טָעוּת אוּן גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל, וֶועט עֶר נִישְׁט

<<<<<<

>>>>>>

אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי אַ מִצְוַת עֲשֵׂה סַיי אַ מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה. אוֹיבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְווֹת, סַיי בְּשׁוֹגֵג סַיי בְּמֵזִיד, וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ".

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה? זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם, מֶען זָאל זָאגְן אַזוֹי: "אָנָּא הַשֵּׁם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה אוּן אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אוּן אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן; דָאס אִיז וִידּוּי, "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה – הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", אוּן וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

אַז דוּ זוּכְסְט אַ וֶועג צוּ וֶוערְן נָאנְט מִיט דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ דָאס עֶרְלַייכְן דוּרְכְן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אִיר. רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר, דָאס וֶועט מַאכְן אַז זִי וֶועט דִיר לִיבּ הָאבְּן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין וַואסֶער מִיט אַ שְׁמֵייכְל'דִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען צוּרִיק אַ שְׁמֵייכְל, אוּן וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין מִיט אַ בְּרוֹגֶז'דִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען צוּרִיק אַ בְּרוֹגֶז'דִיגֶע פָּנִים; אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט דִי וַוייבּ, וֶוען דוּ וֶועסְט שֵׁיין רֶעדְן צוּ דַיין וַוייבּ אוּן אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער וֶועט זִי צוּרִיק רֶעדְן צוּ דִיר שֵׁיין אוּן זִי וֶועט דִיר גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן גוּטֶע וֶוערְטֶער. אַזוֹי אוֹיךְ אַז דוּ וֶועסְט אִיר הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, וֶועט זִי זֶען אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעפִיל פַאר אִיר, אוּן דָאס וֶועט עֶנְק מַאכְן נָאנְט אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

זֶע אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג; וֶוען דִי וַוייבּ זֶעט וִוי אִיר מַאן לֶערְנְט אִין שְׁטוּבּ קוּקְט זִי אִים זֵייעֶר אַרוֹיף. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען – זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ דֶרֶךְ הַלִּימוּד (כִּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער; הֵייבּ אָן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ דַיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן דַיין וַוייבּ וֶועט זֶען וִוי דוּ לֶערְנְסְט, אוּן דוּ וֶועסְט מַקְפִּיד זַיין צוּ גֵיין דַאוֶונֶען דְרֵיי מָאל יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, וֶועט זִי דִיר אַרוֹיף קוּקְן, זִי וֶועט זִיךְ בַּארִימֶען מִיט דִיר אוּן דִיר מְכַבֵּד זַיין.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

BreslevCenter.com\answers

המשך פון דף ד

מתנה; נישט נאר איר - מיינע תלמידים - זענט תלוי אין מיין ראש השנה, נאר די גאנצע וועלט שטייט אויף מיין ראש השנה.

נאך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן סימן ת"ג): "הראש השנה שלי עולה על הכל", מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, און עס איז מיר א וואונדער פארוואס מיינע מענטשן וואס גלייבן אין מיר, זאלן נישט רעדן צו אלעמען אז מען זאל קומען צו מיר אויף ראש השנה, און דער רבי האט געהייסן מען זאל מאכן א כרוז, אז אלע זאלן קומען צו זיין ראש השנה. נאך האט דער רבי געזאגט: "ווער עס קומט צו מיר אויף ראש השנה דארף זיין פרייליך א גאנץ יאר".

ראש השנה שרייבט מען אפ אלעס וואס וועט פאסירן מיט'ן מענטש און מיט זיין ווייב און קינדער, אזוי ווי מען זאגט ביים דאווענען: "בראש השנה יכתבון, וביום צום כפור יחתמון - כמה יעברון וכמה יבראון, מי יחיה ומי ימות, מי בקצו ומי לא בקצו, מי באש, ומי במים, מי בחרב, ומי ברעב, מי ברעש, ומי במגפה"; און נאך מער ווי דאס וואס מען רעכנט אויס, ליגט צווישן די ווערטער, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תסו): "ווען דער חזן זאגט "מי... ומי..." איז מרומז אלעס וואס שטייט נישט אויסגערעכנט אינעם פיוט פון ונתנה תוקף"; לוינט זיך דען נישט צו קומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, און אויס'פועל'ן א גוט געבענטשט יאר?

**לשנה טובה תכתבו ותחתמו!**

>>>>>>

מַאכְן אַ גַאנְצֶער מַצָב דֶערְפוּן, עֶר וֶועט עֶס נִישְׁט אוֹיפְּבְּלָאזְן אוּן רֶעדְן דֶערְפוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן חוֹזֶק מַאכְן חַס וְשָׁלוֹם פוּן זַיין וַוייבּ וֶוען זִי הָאט גֶעטוּן עֶפֶּעס נִישְׁט רִיכְטִיג. פַארְקֶערְט, עֶר וֶועט אִיר נָאר מְחַזֵק זַיין אַז יֶעדֶער קֶען אַמָאל מַאכְן אַ טָעוּת, זִי הָאט זִיכֶער נִישְׁט גֶעמֵיינְט פַאר דַוְקָא אַז דָאס זָאל אַזוֹי גֶעשֶׁען, אוּן אַז דִי קוּמֶענְדִיגֶע מָאל וֶועט עֶס בֶּעסֶער גֶעלוּנְגֶען. עֶר וֶועט אַוֶועקְמַאכְן דֶעם דוּרְכְפַאל אַז סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט. אַלֶעס מִיטְ'ן צִיל אַז זִי זָאל זִיךְ גוּט שְׁפִּירְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּקְלַאפְּט בַּיי זִיךְ. עֶר וֶועט אִיר וַוייזְן אַ שְׁמֵייכְל מִיט לִיבְּשַׁאפְט אַז עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז זִי הָאט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט וָואס זִי הָאט גֶעטוּן, אַז עֶר קוּקְט אִיר וַוייטֶער אַרוֹיף אוּן עֶר שֶׁעצְט אִיר זֵייעֶר, אוּן דַאן וֶועט הֶערְשְׁן שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה אִין שְׁטוּבּ.

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ"ד.) "אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ" - דִי וַוייבּ אִיז וִוי אַ חֵלֶק פוּנֶעם מַאן אַלֵיין. דָאס דַארְף אַ מַאן גוּט גֶעדֶענְקֶען אוּן גוּט אַריינְנֶעמֶען אִין קָאפּ, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען קְרִיטִיקִירְט אִים אוּן מֶען מַאכְט אַ גַאנְצֶע עֵסֶק פוּן זַיינְס אַ דוּרְכְפַאל. עֶר ווִיל אַז יֶעדֶער זָאל אִים נָאר דַן זַיין לְכַף זְכוּת. דִי זֶעלְבֶּע דַארְף עֶר אוֹיךְ טוּן צוּ זַיין וַוייבּ, עֶר זָאל אִיר אַלֶעמָאל דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶר זָאל אִיר נָאר מַאכְן גוּט שְׁפִּירְן, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ.

(קוּנְטְרֵס שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ)

# ניי׳עס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## מ׳ענדיגט און מ׳הויבט ווידער אן - נ"ך און תלמוד ירושלמי

דעם פארגאנגענעם פרייטאג האבן אנשי שלומינו זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ נביאים וכתובים, און שבת קודש האט מען אנגעהויבן פון פריש צו לערנען דעם טעגליכן שיעור פון צוויי פרקים נ"ך, אנהויבנדיג פון ספר יהושע.

ווי באקאנט האט מוהרא"ש ז"ע איינגעפירט אז אלע אנשי שלומינו זאל יעדן טאג לערנען א דף גמרא בבלי, א דף ירושלמי, און א פרק אין תוספתא, וואס מיט דעם בויט מען זיך אויף א בי"ת נצחי אויף יענע וועלט. מיט צוויי יאר צוריק האט דער ראש ישיבה שליט"א צוגעלייגט אז מ׳זאל אויך לערנען יעדן טאג צוויי פרקים אין נ"ך, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט, "נ"ך איז מיין מוסר ספר". דעם לעצטן מחזור אין נ"ך האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט יעדן טאג, און די אלע וועלכע הויבן יעצט אן נאכאמאל נ"ך, וועלן זיך מחיה זיין מיט די הערליכע שיעורים, ביים סוף פון יעדן קאפיטל ווערט אויך אויסגעשמועסט די מוסר און התחזקות וואס מ׳קען ארויסנעמען פון דעם קאפיטל. מ׳קען הערן די אלע הערליכע שיעורים אויפ׳ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין [זע די נומערן ביים סוף פונעם גליון] און דרוקן 2 און דערנאך 8.

דעם קומענדיגן פרייטאג פ׳ עקב ענדיגט מען תלמוד ירושלמי, און אום שבת קודש וועט מען אי"ה אנהויבן א פרישער מחזור. אנשי שלומינו וועלן אויסנוצן די ספעציעלע געלעגנהייט און זיך מיטכאפן מיט׳ן באן, יעדן טאג צו לערנען אביסל די הייליגע תורה, און מיט דעם זיך צוגרייטן א געשמאקע הויז אויף יענע וועלט.

דער ראש ישיבה שליט"א וועט אי"ה פארלערנען יעדן טאג דעם דף ירושלמי בטוב טעם ודעת, און עס וועט אי"ה ווערן ארויפגעלייגט יעדן טאג אויפ׳ן טעלעפאן ליין, אויף נומער 2 און דערנאך 9.

**ובהם נהגה יומם ולילה!**

***

## שיינע שמחת בר מצוה אין קעמפ

די וואך מאנטאג איז פארגעקומען א שיינע באשיידענע שמחת בר מצוה אין קעמפ, הבחור משה יצחק בן מו"ה עזרא בוים הי"ו, און אייניקל פון הרה"ג מוה"ר דניאל בוים שליט"א מחשובי אנשי שלומינו.

נישט וועלנדיג ארויסווארפן אידיש געלט פאר טייערע שמחות וואס ברענגט נישט קיין נוצן פאר קיינעם, איז די סעודת בר מצוה פארגעקומען אין בית המדרש אין קעמפ, וואו עס איז צוגעשטעלט געווארן א סעודה בלויז פאר די נאנטע משפחה, און דערנאך זענען אריבערגעקומען די קרובים וידידים און די תושבי המחנה אנצוואונטשן פאר׳ן בר מצוה בחור און פאר די בעלי שמחה.

דער בעל שמחה האט זיך אויסגעדרוקט אז ביי אים הויבט זיך אן די בר מצוה פון זיין זון - א טאג נאך די בר מצוה... ווען דער בחור הויבט אן לייגן תפלין, ער גייט אריין לעול התורה והמצות, דאס איז די עיקר שמחה און חשיבות, נישט דוקא די סעודת בר מצוה, ס׳פעלט נישט אויס אויסצופאטשקען אידיש געלט אויף דעם.

די חברים פונעם בר מצוה בחור האבן מהנה געווען מיט שיינע ניגונים לכבוד די שמחה, און דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א טאנץ צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע גרויסע חסדים.

**ונשמח בדברי תלמוד תורתך ובמצותיך!**

***

## בוי ארבעט גייט ווייטער אן ביים נייעם בנין אין אומאן

די בוי ארבעט ביים נייעם בנין אין אומאן גייט ווייטער אן מיט׳ן פולסטן טעמפא, א גרויסע שטאב פון ארבעטער זענען פארנומען צו פארענדיגן אלע חלקים פונעם בנין, אז ס׳זאל זיין אי"ה גרייט אויף ראש השנה הבעל"ט.

אנשי שלומינו וועלכע ווילן מיטהאלטן דעם ראש השנה מיט׳ן ראש ישיבה שליט"א, דארפן זיך זייער צואיילן, בלויז עטליכע בעטן זענען נאך פארבליבן, צו באשטעלן קען מען רופן 347-452-0412 וכל הקודם זכה.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תה): די גאנצע וועלט איז אנגעהאנגען אין מיין ראש השנה, און דער אייבערשטער האט מיר דאס געגעבן פאר א

המשך בדף ג


## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה יעקב לעזער הי"ו וזוגתו תחי׳**

**צו די אפשערן פון זייער אינגל אליעזר שלמה נ"י למז"ט**

די חשובע **מרת לעזער תחי׳**, די געטרייע **מנהלת פון "בית פיגא"**, איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר די סקול, זיך אפגעבנדיג מיט יעדן קינד באזונדער מצליח צו זיין אויפ׳ן שענסטן און בעסטן אופן דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן זיי ביישטיין צו זען פיל אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט

## אומאן ראש השנה!

אלע אייערע געברויכן פאר אומאן

עירליין טיקעטס; טרעוועל אינשורענס; באסעס

פון קיוב קיין אומאן און צוריק; און נאך

~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~

אייער פריינד

אלי קנאלל

Plan it Rite

718-506-4341 Travel the right way

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה עזרא בוים הי"ו

צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למז"ט

הבחור משה יצחק נ"י

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

**אשר בנחל**

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך** < 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו׳ הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן